# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת האזינו משנת תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת ברית מילה של נכד רבינו שליט"א - הילד אלחנן נ"י בן הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א

יום ה' פרשת האזינו תשפ"ג לפ"ק

**מען** האט פריער געהערט, אז אין הייליגע ספרים ווערט דער טאג אנגערופן גאט'ס נאמען. מן הסתם שטאמט עס נאך פון די קדמונים, עס איז דא כמה טעמים דערויף, פארוואס מען האט עס אזוי גערופן. איך מיין צו זאגן א בעל בית'ישער טעם, פארוואס מען האט עס אזוי גערופן.

**אונז** ווייס מיר אז ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, איז יום הקדוש געווען די העכסטע עבודה. דער כהן גדול האט געטון די עבודה, און עס האט געדארפט זיין נאר דורכן כהן גדול. עס איז געווען אן עבודה בפנים, און אן עבודה בחוץ, ער האט זיך גע'טובל'ט, און מקדש געווען ידיו ורגליו, און אריינגעגאנגען לפני ולפנים, וכל אדם לא יהיה באוהל מועד (ויקרא טז-יז), א מענטש האט נישט געטארט אריין גיין אין אוהל מועד. און דער מדרש (ויק"ר כא-יב) פרעגט, און דער כהן גדול איז נישט געווען קיין אדם? זאגט דער מדרש, אז בשעת ער איז אריינגעגאנגען טון די עבודה, איז ער געווען אזוי ווי א מלאך. פניו איז געווען בוערות כלפידים, דער פנים האט אים געברענט אזוי ווי א פאקל, און אזוי איז ער אריינגעגאנגען טון די עבודה.

**מען** דארף פשוט מסביר זיין. געוועונליך איז מען צוגעוואוינט, אז מען זאגט אויף א צדיק, אז ער איז א מלאך! איז ער דען א מלאך? ער איז דאך א בשר ודם. נאר מען וויל ארויסברענגען זיין גרויסע עבודה, זאגט מען, ער טוט די עבודה אזוי ווי א מלאך אלקים, אבער באמת איז ער אן אדם. ווען מען זאגט אז דער כהן גדול איז געווען אזוי ווי א מלאך, איז נישט דער טייטש ווי אונז רוף מיר אן א צדיק, אז ער איז אזוי ווי א מלאך, ווייל אויב ער איז אן אדם, האט ער נישט געקענט אריינגיין אין קדשי קדשים, נישט קיין חילוק ווי אזוי מען וועט אים אנרופן. מיט א דמיון אז ער איז א מלאך, קען מען נאכנישט אריין גיין אין קדשי קדשים. איז דאך על כרחך, אז ווען מען זאגט אז דער כהן קען אריין גיין אין קדשי קדשים, ער איז נישט בכלל פון וכל אדם לא יהיה באוהל מועד, איז דער טייטש אז ער איז געווען ממש ווי א מלאך אלקים! אלע עניני גשמיים זענען אינגאנצען בטל געווארן, און ער איז געווען אזוי ווי א מלאך וואס גייט אריין, כי מלאך ה' צבקו'ת הוא.

**עס** שטייט פונעם **אר"י הק'**, ווען דער כהן גדול האט געזאגט דעם שם, זאגט מען, והכהנים והעם העומדים בעזרה, און זיי האבן געהערט דעם שם יוצא מפורש מפי כהן גדול בקדושה וטהרה. יוצא? עס איז ארויסגעקומען פונעם מויל פונעם כהן גדול? ווען א מענטש רעדט, זאגט מען ער

רעדט, מען זאגט נישט, אז די ווערטער קומען ארויס פון זיין מויל. זאגט דער אר"י הק', אז ער איז געווען אזוי ווי א מלאך וואס האט נישט געהאט קיין כח אליין צו רעדן, און עס איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו. כדי ער זאל קענען ארויסזאגן דעם שם, איז אריינגעקומען א כח אלקי אינעם כהן, אז עס איז 'יוצא' מפי כהן גדול. עס איז נישט געווען זיין דיבור, דער שם איז ארויסגעקומען פון זיין מויל.

**איך** האב געהערט אמאל נאכזאגן פונעם **צעהלימער רב זצ"ל**, אז מען זאגט, אז ווען מען האט געהערט דעם שם מפורש יוצא מפי כהן גדול בקדושה ובטהרה, היו כורעים, ואומרים ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. מען ווייסט, אז טאמער מען זאגט א ברכה לבטלה, מען איז מזכיר דעם אייבערשטען'ס נאמען לבטלה, דארף מען זאגן ברוך שם כבוד מלכותו. אונז זעמיר דאך מזכיר דעם אייבערשטען'ס נאמען הונדערטער מאל אין טאג, און עס איז דאך נישט מיט די ריכטיגע כוונה אזוי ווי מען וואלט געדארפט צו זאגן. זאגט ער, ווען מען האט געהערט ווי אזוי דער כהן גדול האט ארויסגעזאגט דעם שם, האט מען אנגעהויבן משיג צו זיין, אז ווען אונז זאג מיר ארויס דעם שם, קען מען זאגן דערויף ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד, עס איז לבטלה. ווען מען האט געהערט דעם שם ארויסקומען מפי כהן גדול, ווי אזוי דער כהן גדול האט געזאגט א שם, היו כורעים, און מען האט געזאגט, ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

**די** עבודה פון כהן גדול א גאנץ יאר האט קיינער נישט געזעהן. די כהנים וואס זענען געווען אין בית המקדש האבן געקענט זעהן, אבער דער עם האט נישט געקענט זעהן די עבודה. די איינציגסטע מאל וואס כלל ישראל האט יא געהאט עפעס א קשר מיט די עבודה פונעם כהן גדול, איז געווען יום הקדוש. ווען ער האט ארויסגעזאגט דעם שם, והכהנים 'והעם' העומדים בעזרה, כשהיו שומעים, זיי האבן געהערט, וואו דער שם איז יוצא מפי כהן גדול מפורש, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס די, וואס זיי זענען געשטאנען אינדרויסן, און זיי האבן נישט געזעהן די עבודה אינעווייניג אין בית המקדש, אבער זיי האבן געקענט הערן דעם קול פונעם שם וואס דער כהן גדול האט געזאגט. און דאס האט זיי אזוי מעורר געווען, אז עס איז נופלים על פניהם, און מען האט געזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. דאס איז געווען די איינציגסטע עבודה וואס כלל ישראל האט געקענט האבן א קשר מיט די עבודה פונעם כהן גדול.

**איך** מיין אז דעם אנדערען טאג נאך יום הקדוש, איז דער געשפרעך פונעם גאנצן שטאט געווען, ווי אזוי עס איז געווען נעכטן דער שם פונעם כהן גדול? מען האט איבערגערעדט ווי אזוי דער כהן גדול האט ארויסגעזאגט דעם שם, דאס איז געווען דער שמועס פונעם טאג. האט מען אנגערופן דעם טאג, א טאג נאך יום הקדוש, גאט'ס נאמען. ווייל דאס האט מען זיך נעכטן אויסגעלערנט, ווען מען האט געהערט ווי אזוי דער כהן גדול האט געזאגט דעם אייבערשטען'ס נאמען. דאס איז געווען די גאנצע מדובר, מען איז נאך אלץ געווען אזוי באגייסטערט פון דעם וואס מען האט געהערט דעם קול פונעם כהן גדול, אז דאס איז געווען דער שמועס איבערן טאג, דער קול פונעם כהן גדול וואס האט געזאגט דעם אייבערשטענ'ס נאמען.

**דעמאלטס** ווען עס איז געווען א בית המקדש, האט איבערגענומען דער קול פונעם שם וואס ער האט געהערט פונעם כהן גדול, היינט האבן מיר דאך דאס אויך נישט, אבער יעדער יוד האט אן אייגענעם התעוררות וואס קומט אינעם יום הקדוש. מען האט אנגערופן דעם טאג 'גאט'ס נאמען', כדי דער געשפרעך פונעם טאג דארף זיין פון די עבודה פון נעכטן, אזוי דארף זיין ביי יעדן יוד. מען גייט ארויס פונעם יום הקדוש, מען גייט אריין אין די וואכענדיגע טעג, מען האט פריער געהערט, דער הייליגער חתם סופר האט אין די טעג נישט געקענט קומען צו זיך, און ער איז געזעסן אין א דביקות און געשריבן שירים פארן אייבערשטען. איז געבליבן דער נאמען, אפילו היינט הערט מען נישט דעם גאט'ס נאמען פונעם כהן גדול, צו געדענקען אז א טאג נאך יום כיפור

דארף זיין די עבודה פון א יוד, נישט איבערצולאזן דעם יום הקדוש, נאר מיטנעמען מיט זיך אויף שפעטער.

**לעניננו**, ר' חיים מאיר האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. איך האב שוין כמה פעמים נאכגעזאגט, אז ביי יעדן קינד וועז מען מל'ט, קומט אויך ארויף אויפן קינד צוויי שמות. אזוי שטייט אין זוהר הק', דעם שם הוי"ה, און דער שם שד"י, איינס מבפנים און איינס מבחוץ. אונז ווייס מיר נישט די ענינים דערפון, אבער דאס ווערט ארויפגעלייגט אויף א קינד, בשעת מען מל'ט דאס קינד.

**די** צוויי שמות באטרעפן צוזאמען דריי הונדערט און פערציג. שד"י איז דריי הונדערט און פערצן, און דער שם הוי"ה איז זעקס און צוואנציג, צוזאמען איז עס דריי הונדערט און פערציג. וועגן דעם וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית מיט די שמות, מען האט דאך ארויפגעלייגט אויף אים די צוויי שמות פון שם הוי"ה און דער שם שד"י, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די קדושה קען דאך אמאל אראפגיין פונעם מענטש, וואונטשט מען אן, אז די קדושה זאל בלייבן אויף שטענדיג, ווען ער וועט וואקסן אין תורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער אייביג מיטנעמען די שמות דקדושה וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף אים בשעת מען האט אים גע'מל'ט. - קומט אויס, אז ווען עס איז דא א ברית אין א טאג נאך יום הקדוש, איז עס אויך גאט'ס נאמען, ווייל אין דעם טאג ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד דעם אייבערשטן'ס נאמען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פארן אבי הבן, ער זאל קענען מגדל זיין דאס קינד על דרכי אבות, אויף די וועגן פון די עלטערן פון וואו דאס קינד שטאמט פון אלע זייטן. ב"ה עס איז דא זיך צו בארימען מיט די אבות, דארף מען זעהן אז די אבות זאלן זיך אויך קענען בארימען מיט די קינדער. דער אייבערשטער זאל געבן אי"ה אז די זיידעס, און עלטער זיידעס וואס געפונען זיך דא, זאלן זעהן אסאך יודיש נחת, ביי דעם אייניקל, און ביי אלע קינדער און אייניקלעך. פארן עלטער זיידן אין ארץ ישראל, דער וויזשניצער רבי, וויל איך אויך וואונטשן, דער אייבערשטער זאל אים געבן שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך. און אונז אלע זאל מיר זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, און האבן אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, און א ליסטיג יאר, און א גמר חתימה טובה. יעדער זאל געהאלפן ווערן בכל משאלות לבבו לטובה, מיט די גאולה השלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.